NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13361

MAYSELEKH FUN DER

Josif Ravin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א בייט

י. ראַוויז

מַעֲשֶׂה׳לעך פון דער גאַנצער וועלט.

פאַרייִדישט און געזאַמלט פון מַעֲשֶׂה׳לעך־
אוֹצָר פון אַלע פעלקער און לענדער.

2־טע זאַמלונג:

עסטרייכישע פאָלקסמַעֲשֶׂה׳לעך.

פאַרלאַג א. גיטלין

וואַרשע 1921

WARSZAWA
Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

א ביים.

(א מעשה'לע אין פערזן).

אַ בײט.

(אַ מעשה׳לע אין פערזן).

בײ אַ פּרײץ דאָ ניט הי,
יעדן טאָג פון אין דער פרי
האָט אַ פּויער גאַנצע טעג
מיט דער האַק און מיט דער זעג

אָפּגעאַרבעט זיבן יאָר.
האָט דעם פּויער, שטעלט זיך פאָר,
שטאַרק פאַרבענקט זיך נאָך דער הײם.
„לאָז מיך, פּריצ׳ל, יעצט גײן“.

זאָגט דער פּריץ: „פאַר דײן פלײס
„קריגסטו גאָר אַ נײעם פּרײז.
„גײ און דאָס איז דײן געצאָלט!“
און דערלאַנגט אַ שטיק גאָלד

גרויס אַזוי — איך לייג ניט צו —
ווי דאָס נעזל ביי אַ קו.
גלייך באַהאַלטן האָט דאָס גאָלד
אין זיין בוזעם אונזער יאָלד.

גייט אַהיים און קלערט און טראַכט,
וואָס ער טוט יעצט אַלץ און מאַכט:
וועט דאָס זיין אין שטוב אַ פרייד,
ווען איך קום געזונטערהייט.

ווי איך קום, פאַרקויף איך גלייך
ס'שטיקל גאָלד, דאַן ווער איך רייך.
מיטן געלט איך פאָר אַרויס,
קויף די עלטערן אַ הויז,

ערד אַ שטיק, דערצו אַלץ דאָס,
וואָס עס דאַרף אַ בעל־הבית.
(האָט פאַר פרייד זיך אַזש צולאַכט).
אַי ער גייט אַזוי פאַרטראַכט,

הערט ער דייטלעך, ווי אַ שטים
„וואַרט נור, פעטער!" — שרייט צו אים.

אַ ציגײנער װידאָם געחען,
פירט מיט פערדלעך גרויס און קלײן.

„זאָג, פון װאַנען איז דײן װעג?״
דער ציגײנער גיט אַ פרעג.
אונזער פויער ענטפערט גלײך:
„בײ אַ פּריצ׳ל אַ רײך

האָב געדינט איך זיבן יאָר.
יעצט אַהײם, דו שטעל זיך פאָר.

און אַוועק — די ערד אויש קראַכט
פאָרט דער פויער שטיל, באַוואַכט

און באַטראַכט די שיינע וועלט.
פאָרט ער, פאָרט ער דורכן פעלד,
בהמות פיטערן זיך דאָרט
שטייט דער פאַסטוך אויף פון אָרט.

פרעגט: פון וואַנען און וואוהין?
אונזער פויער ענטפערט אים:
„ביי אַ פּריץ זיבן יאָר
„האָב געדינט איך — שטעל זיך פאָר —

„פאָר איך יעצט אַהיים צוריק.
זאָגט דער פאַסטוך: — „פאָר מיט גליק.
„האָט דאָס אַרבעטן געלוינט,
„האָט דער פריץ גוט באַלוינט?"

זאָגט דער פויער: — „גוט באַצאָלט,
„יאָ, נאָך ווי — מיט ריינעם גאָלד!
„גאָלד אַ שטיק — איך ליג ניט צו —
„גרויס ווי ס'וועט זיין בייַ אַ קו".

קוועלט דער פויער: „אַך, ווי וואויל!״
שפּייעכן שטייט אים שוין אין מויל

האָט זיך ווייניק וואָס פאַרטראַכט:
„גוט, דער עסק איז געמאַכט!״
זאָגט ער הויך און ווייטער שפּאַנט
מיט דער גענויל אויף דער האַנט.

טרעפט אַ הענדלער אויפ'ן וועג,
גיט אים יענער גלייך אַ פרעג:
„וואָס פון וואַנען און וואוהין?״
—„פון אַגאַטעווקע איך בין.

„ביי אַ פּריץ זיבן יאָר
„האָב געדינט איך שטעל זיך פאָר
„יעצט אַהיים איך גיי צו גאַסט״.
—„כאָטש באַצאָלט דיר ווי עס פּאַסט?

—„נו, אַודאי, גוט באַצאָלט,
„אי, נאָך ווי... מיט ריינעם גאָלד!
„גאָלד אַ שטיק · איך לייג ניט צו —
„גרויס ווי ס'נעול ביי אַ קו.

—„ווייער פיין... וואו איז דאָס גאָלד ?"
—„שטעל אַ ליכטל נאָכ'ן גאָלד,
„אויסגעביטן אויף אַ פערד".
—„מילא, וואו־זשע איז דאָס פערד ?"

„אויסגעביטן אויף אַ קו".
—„אויך אַ זאַך. וואו איז די קו ?"
—„אויסגעביטן אויף אַ שעפּס" .
—„אויב אַזוי, וואו איז דער שעפּס ?"

—„אויף אַ חזיר בייט זי אוים".
—„אויך אַ נוצן אין אַ הויז,
„וואו־זשע איז דער חזיר, זאָג ?"
—„אויף דאָס גענזל, וואָס איך טראָג

„האָב איך ערשט געמאַכט אַ בייט".
—„יאָ, איך זע, דו ביזט אַ לייט,
„מאַך אַ בייט יעצט אויך מיט מיר".
„פאַר דיין גענזל גיב איך דיר

„אָט דעם אָל, דו קוק זיך איין,
„ס'הענטל אָפּגעטאָקט ווי פיין !

„מיינסטו, דאָס איז אַ פּראָסטער אָל!
„ניין, ער איז פון ריינעם שטאָל!

„מיינסטו, אים מאַכט אַ פּויערש האַנט;
„ניין, ער שטאַמט פון יענעם קאַנט,
„וואָס געפינט זיך הינטער יַם
„ערגעץ הינטער אָקעאַן.

„עסטו אויף דיין גאַנז — איז שוין!
„דאָך, מיין אָל, פאַרשטייסטו, מיין קרוין,
„איז אַ חֵפֶץ, איז אַ זאַך,
„וואָס עס נוצט דיר און אַ סך".

אויפ'ן בייט דער פּויער ז'גרייט.
נעמט דעם אָל און ווייטער גייט.
באַלד אַ קרעמער שטעלט אים אָפּ,
פון די פּלייצעס שטעלט אַראָפּ

גלייך זיין קאַסטן, וואָס אין זאַק.
(פול מיט סְחוֹרָה איז דער פּאַק).
— „אַ גוט מאָרגן אייך, וואוהין?"
— „פון אַגאַטעזקע איך בין".

„ביי א פריץ — שטעל זיך פאַר —
„האָב געדינט איך זיבן יאָר.
„יעצט אהיים איך גיי צו גאַסט".
—„כאָטש באַצאָלט דיר ווי עס פּאַסט?"

—„נו, אַוודאי, גוט באַצאָלט.
„אײ, נאָך ווי, מיט ריינעם גאָלד!
„גאָלד א שטיק — איך לייג ניט צו —
„גרויס ווי ס'נעזל ביי א קו".

—„ווייער איידל... ווייז דאָס גאָלד!"
—„לאַנג ניטאָ שוין. ביי א יאָלד
„אויסגעביטן אויף א פערד".
—„אויב אזוי, וואו איז דאָס פערד?"

—„אויסגעביטן אויף א קו".
—„וואָס דו זאָגסט, וואו איז די קו?"
—„אויסגעביטן אויף א שעפּס".
—„כ'זע דאָך אָבער ניט קיין שעפּס?"

—„אויף א חזיר בייט זי אוים".
—„ווייז דעם חזיר, איז ער גרויס?"

—„דריי אַ קוק טאָן, ווי עס שיינט!"
—„שוין ניטאָ, איך האָב עס היינט
„איסגעביטן אויף דאָס פערד.
„אַ מְצִיאָה, אֶמֶת, ווערט?"

זאָגט דער פּאַסטוך: — „יאָ, געוויס.
„יעצט מיט מיר אַן עֵסֶק שלים:
„פאַר דיין פערדל, הער נאָר אויס,
„קריגסט אַ בְּהֵמָה — פאַר דיין הויז

„איז זי מַמָש דאָך אַ גליק.
„זעסט, די בְּהֵמָה — פעט און דיק!
„דו באַטראַכט נאָר, וואָס זי גיט,
„דו פאַרשטייסט, וואָס גיט זי ניט?

„ערשטנס, מילך אַזוי פיל טעפּ —
„טרונק און טרונק כאָטש גאַנצע שעפּ;
„בול, בול, בול פון גאַנצן קרוג,
„שטענדיק בלייבט דיר נאָך גענוג.

„פעט איז עס — דער גרעסטער יאָס
„פרווס איין גלאָז נאָר — ווערט ער זאַט.

„הײנט איר שמאַנט, דו הערסט, איך שמאַנט
„האָט אַ שֵׁם אין גאַנצן קאַנט.

„מײנסטו שוין פאַרטיק, כאַפּ ניט, שאַ!
„פוטער איז אַ גאָרנישט, האַ?
„װײסטו פון אירם אַ פוטערברויט
„קריגסטו בעקלעך פול און רויט.

„באַלט, פאַרגעסן פון איר קעז —
„האָט אַ נאָמען קעז־דע־ברעז.
„װײסטו פון אים — גיב נאָר אַ ריר —
„רינט דאָך פוטער אָן אַ שִׁעוּר.

„פון דער קו — דו װעסט איר נוץ —
„קריגסטו אַ פולע שטוב מיט גוטס.
„קורץ און בינדיק: ס'קומט מיט איר
„אֵלִיָהוּ גלײך צו דיר.

„װאָס באַקומסטו פון דײן פערד? —
„בלויז דאָס אַקערן די ערד,
„גיב דײן האַנט און מאַך אַ בײט,
„אָט אַזוי, נו זײ אַ לײט!"

קלערט דער פויער, טראַכט אַריין...
—„מילא, זאָל מיט מזל זיין!"
נעמט די בהמה אויף אַ שטריק
און אַוועק.— גייט אָפּ אַ שטיק,

ערשט אַ סוחר שטעלט אים אָפּ,
(פירט מיט שעפסן באַרג אַראָפּ)
און ער גיט ביי אים אַ פרעג:
—„וואוהין — שוין לאַנג אין וועג?"

—„ביי אַ פּריץ זיבן יאָר
„האָב געדינט איך — שטעל זיך פאָר —
„יעצט אַהיים איך גיי צו גאַסט".
—„כאָטש באַצאָלט דיר ווי עס פּאַסט?"

—„אַך, וואָס פרעגסטו — גוט באַצאָלט!
„אי, נאָך ווי... מיט ריינעם גאָלד!
„גאָלד אַ שטיק — איך לייג ניט צו —
„גרויס, ווי ס'נעזל ביי אַ קו".

—„ווייז נאָר, ווייז, ווי זעט עס אויס?
—„שוין ניטאָ — איך בייט עס אויס

„ביים ציגיינער אויף אַ פערד״.
—„גאָר אַזוי? — וואו איז דאָס פערד?״

—„אויסגעביטן אויף אַ קו״!
—„אויב אַזוי, טאָ הער זיך צו״.
זאָגט דער סוחר — „כ׳שלאָג דיר פאָר
„אַ געשעפטל וואויל ביז גאָר:

„פאַר דיין בְּהֵמָה גיב איך דיר
„יענעם שעפּס — איז ווערט פאַר פיר!
„ווילסט, טאָ קלייב אַליין זיך אויס,
„אפשר יענע, זע ווי גרויס!

„דו באַרעכן נאָר איר נוץ,
„רעכנסט אָן אַ גאַנצע טוץ.
„גייט אַריבער נאָר איין יאָר,
„האָט זי שעפּסעלעך אַ פּאָר,

„פון דעם פּאָרל נאָך אַ יאָר
„קומען ווידער צו צוויי פּאָר
„האָסטו זיבן שוין מיט גליק,
„אַלץ געזונטע שטיק אין שטיק.

„און די זיבן נאָך אַ יאָר
„האָבן נייע זיבן פּאָר;
„גייט אַוועק אַ קורצע צייט,
„האָסטו שעפּסן מעשׂה־לייט

„אַ גאַנצע טשערעדע שוין דאָ!
„אין אַ מזל׳דיקער שעה
„שערסט זיי אָפּ — דאַן האָסטו וואָל, —
„וואָל אין פּודן מיטאַמאָל.

„און פון וואָלנס, סוף־כּל־סוף,
„ווייסט דאָך, מאַכט מען קליידערשטאָף.
„שעפּסנפלייש איז אויך געשמאַק,
„שעפּסנפעל איז ניט קיין זאַק, —

„זיינם אַ פּעלצל היט פון קעלט.—
אונזער פויער האָרכט און קוועלט.
קלערט און טראַכט און ווידער קלערט:
„יאָ, פאַר מיר דער בייט איז ווערט״.

גיט די בהמה אָפּ — אַליין
נעמט דעם שעפּס און לאָזט זיך גיין.

ל. טואהב

גייט און גייט – אנטקייגן אים׳
קומט אָן ווידער וועמענס שטים.

ערשט אַ סוחר אויפ׳ן שליאַך
יאָגט חזירים׳לעך אַ סך.
גייט צו נאָענט, גיט אַ פרעג:
—„העי, פון וואַנען איז דיין וועג?"

—„ביי אַ פּריץ – שטעל זיך פאַר –
האָב געדינט איך זיבן יאָר".
—„האָט ער דיר באַטש גוט באַצאָלט?"
—„אוי, נאָך ווי... מיט ריינעם גאָלד!

„גאָלד אַ שטיק – איך לייג ניט צו –
„גרויס ווי ס׳נעול ביי אַ קו."
—„וייער שיין... וואו איז דאָס גאָלד?
—„שוין ניטאָ – איך האָב דאָס גאָלד

„אויסגעביטן אויף אַ פערד".
—„אָט וואָס, וואו־זשע איז דאָס פערד"!
—„אויסגעביטן אויף אַ קו".
—„אויב אַזוי, וואו איז די קו?"

—„אויף אַ שעפּס געמאַכט אַ בּיט".
—„אָ, איך זע, דו בּיזט אַ לייט,
„מאַך אַ בּייט יעצט אויך מיט מיר.
„פאַר דיין שעפּסל גיב איך דיר

„מיינם אַ חזיר'ל — אַ יאָ? —
„פון די בּעסטע, וואָס איז דאָ:
„פון אַ חזיר האָסט אַ נוץ.
„דו פאַרשטייי: אַ גאַנצן טוץ

„בּרענגט זי יונגע וואָס אַ יאָר,
„און די יונגע, שטעל זיך פאָר,
„בּרענגען ווידער מיטאַמאָל
„צוועלף מאָל צוועלף גאָר אָן אַ צאָל.

הייבּסט אָן האַנדלען, ווערסט אַ גְבִיר,
„רייך ווי קורח און אַ שִעוּר!"
האָט דער פויער זיך פאַרקלערט:
—„ריכטיק, זאָגט ער, טאַקע ווערט!"

גיט ער גלייך דעם שעפּס אַרויס,—
קלייבּט אַ חזיר'ל זיך אויס

— וואָס און וואָס — נאָר אַפּעטיט
פעלט אים, זעט איר, דווקא ניט

* *
*

זוייסט איר, קינדער, וואָס איך טראַכט?
(נאָר, קינדערלעך, ניט לאַכט) —
כ'וואָלט אַליין און טאַקע יעצט
אויך צו זיי זיך צוגעזעצט!

אדרעס:

פארלאג א. גיטלין, ווארשע

נאלעווקי, קראמי-נאלעווקאווסקע 1

Księgarnia i Wydawnictwo

E. GITLINA, WARSZAWA

Nalewki, Kramy-Nalewkowskie 1